**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/3/2024

## גאווערנער האקול גיבט ארויס פראקלאמאציע דעקלערנדיג אפריל אלס סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש

***אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז און אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס האלטן צוזאמען אפ ניו יארק סטעיט 'דענים טאג' אויסשטעלונג***

***אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז קומט ארויס מיט עפנטליכע "דעיטינג אין די דיגיטאלע וועלט" סאָושעל מידיע קאמפיין, וועכנטליכע 'אל"ף בי"ת פון סעקסועלע געוואלדטאטן' טרעינירונג פאר ארבייטער***

***לייענט פראקלאמאציע [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט אנערקענט אפריל אלס דער 'סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש' אין ניו יארק סטעיט, ארויסגעבנדיג א סטעיט-ברייטע [פראקלאמאציע](#). קומענדיג אין דעם זעלבן צייט ווי די אנאנס, וועט די ניו יארק סטעיט [אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוז](#) (Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) אפהאלטן די ניו יארק סטעיט 'דענים טאג אויסשטעלונג' (Denim Day Exhibit) בשותפות מיט די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS), און זיי וועלן אנהויבן זייער "דעיטינג אין די דיגיטאלע וועלט" (Dating in the Digital) סאָושעל מידיע קאמפיין קאנצענטרירט אויף דאס זיך אויפפירן זיכערערהייט מיט 'דעיטינג' דורך די אינטערנעט, פארשפרייטענדיג אויפמערקזאמקייט ארום AI און איבער שאנטאנזש ('בלעקמעילינג') דורך די אינטערנעט. אין צוגאב האט די OPDV אנאנסירט וועכנטליכע "אל"ף בי"ת פון סעקסועלע געוואלדטאטן" (Sexual Violence 101) אויפמערקזאמקייט טרעינירונג.

"דער קאמף קעגן סעקסועלע אנגרייף פארלאנגט פון אונז צו אנערקענען די ערנסטקייט פון די אנגעלעגנהייטן און די געמיינזאמע אחריות צו שאפן אטמאספערעס וואס מאכן איבערלעבער פילן זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מיר צייכענען אפ 'סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש' אין אפריל, מוזן מיר פארזעצן צו שטיצן איבערלעבער אריבער ניו יארק סטעיט און זיי מוטיגן צו נוצן זייערע שטימעס צו שיינען א ליכט אויף די אנגעלעגנהייטן."

דער אינטערנאציאנאלער [דענים טאג](#) איז וואוקגעשטעלט געווארן אין נאכפאלגנדיג א געריכט אורטייל איבער 25 יאר צוריק, אין וועלכע אן אטאקירער פון אן 18 יעריגע האט מצליח געווען צו מבטל זיין באשולדיגונג דורכן טענה'ן אז ער וואלט נישט געקענט אראפנעמען איר 'דזשינס' הויזן אן איר הילף. די אורטייל האט אונטערגעצינדן אלוועלטליכע פראטעסטן, מיט פרויען ארום די וועלט טראגנדיג דענים 'דזשינס' אין סאלידאריטעט מיט איבערלעבער. די ניו יארק סטעיט דענים טאג אויסשטעלונג וועט זיין ארויסגעשטעלט צו זעהן אין די עמפייער סטעיט פלאזא זאל פון אפריל 23 ביז אפריל 25.

די OPDV וועט אויך ארויסקומען מיט די "דעיטינג אין די דיגיטאלע וועלט" סאָושעל מידיע קאמפיין, אריינרעכנענדיג ספעציעלע סאָושעל מידיע פראפיל 'פילטערס' וואס מענטשן קענען דאַונלאָודען און מיטיילן צו ווייזן זייער שטיצע פאר איבערלעבער און צו אויפקלערן אנדערע אין די קאמיוניטי איבער סעקסועלע אויסנוצונג און געוואלדטאטן אין די דיגיטאלע וועלט. יעדע 'פילטער' הייבט ארויס אן אנדערע צורה פון אביוּז. די 'פילטערס' וועלן זיין פארעפנטליכט אויף די OPDV'ס וועבזייטל צו דאַונלאָודען דורכאויס אפריל און דערנאך. מער אינפארמאציע איבער די 'פילטערס' און אנווייזונגען וויאזוי זיי קענען ארויפגעלייגט ווערן אויף די פראפיל קענען געפונען ווערן [דא](#).

און צום שלוס, וועט די OPDV אויך אפהאלטן 'די אל"ף בי"ת פון סעקסועלע געוואלדטאטן', א וועבנטליכע שעה-לאנגע ווירטועלע טרענירונג קלאס פאר איינגעשטעלטע, סופּערווייזערס און אדמיניסטראטארן וועלכע ארבעטן אין לאקאלע סאָושעל סערוויס דיסטריקטס, פריוואטע נאָנ-פּראפיט אגענטורן, לאקאלע רעגירונגען א.א.וו. וועלכע העלפן איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע און סעקסועלע געוואלדטאטן. די אינטערנעט-באזירטע טרענירונג איז א יסודות'דיגע אריינפיר צו דזשענדער-באזירטע און סעקסועלע געוואלדטאטן, אריינרעכענענדיג פונקטליכע אויסטייטשונגען פון טערמינען, אויסקלארן וואס פונקטליך ווערט פאררעכנט אלץ צושטימונג און אזוי אויך סטאטיסטיקס.

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוּז עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָווענס, האט געזאגט,** "אזוי ווי אנליין 'דעיטינג' און אינטערנעט באנוץ זעצט פאר צו וואקסן אין פאפולעריטעט אלס די גרינגסטע וועג זיך צו טרעפן מיט נייע מענטשן, מוזן מיר פונדאסניי אויסקלארן וויאזוי דעיטינג און צושטימונג קוקן אויס בשעת'ן אדרעסירן די סכנות וואס זיי שטעלן. דעם סעקסועלע אנגרייף אויפמערקזאמקייט חודש, איז די OPDV איבערגעגעבן צו אויפקלערן ניו יארקער איבער סעקסועלע שאנטאנזש און בילדער און רעקארדירונגען וואס ווערן געמאכט דורך AI, ווי 'דיפּ פעיקס', בשעת'ן שטיצן געזונטע אויפפירונג אויף די אינטערנעט. א דאנק אייך, גאווערנער האקול, נישט נאר פארן פארשטיין די הארבייט פון די אנגעלעגנהייטן, נאר פאר זיכער מאכן אז דאס באקעמפן דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן איז אויבן אויף די ליסטע פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "סעקסועלע אנגרייף איז אן ערנסטע פובליק געזונטהייט פראבלעם וואס קען פאראורזאכן שרעקליכע און לעבנסלענגליכע געזונטהייט נאכווייען פאר איבערלעבער, ווירקנדיג אויף זייער פיזישע, עמאציאנאלע און פסיכאלאגישע וואוילזיין. די אנגרייפן קענען אויך אפעקטירן די פאמיליע, פריינט און קאלעגן פון סעקסועלע געוואלדטאטן קרבנות, און די סטעיט העלט דעפּארטמענט איז פארפליכטעט צו אן איבערלעבער-צענטרירטע און קולטוריש-עמפינדליכע אפרופונג צו סעקסועלע געוואלדטאטן, בשעת'ן אויסברייטערן און פארבעסערן די פובליק געזונטהייט אפרופונג אין ניו יארק סטעיט."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) צייטווייליגע קאמישאנער, סוזען מיילס-גוּסטאַוו, האט געזאגט,** "עס איז מיר א פארגעניגן זיך צו אנשליסן מיט די אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אביוּז היינט ביים ווידערהאלן ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו ברענגען אן ענדע צו סעקסועלע געוואלדטאטן. מיר מוזן אלע ארבעטן צוזאמען – אלס פריוואטע מענטשן, קאמיוניטיס און ארגאניזאציעס – צו ציהען אויפמערקזאמקייט איבער די פארשפרייטקייט פון סעקסועלע אנגרייף, באזונדערס אין די דיגיטאלע רוים. מיר דארפן אויך ארבעטן צוזאמען אויף וועגן צו פארמיידן אזעלכע אנגרייפן, אריינרעכענענדיג אביוּז אינדערהיים, דעיטינג געוואלדטאטן צווישן יוגנטליכע, סעקסועלע אויסנוצונג און האנדל. די OCFS שטיצט א נעטווארק פון הילפס-מיטלען און סערוויסעס צו ארויסהעלפן יונגווארג וואס גייען אריבער סעקסועלע אנגרייפן און די וואס גיבן זיך אפּ מיט זיי, כדי זיי צו פארזיכערן אז אן אנגרייף איז קיינמאל נישט זייער שולד און זיי צו העלפן זיך היילן."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "עס איז מיר א פארגעניגן זיך צו אנשליסן מיט גאווערנער האקול און אונזערע קאלעגן אין די סטעיט רעגירונג צו העלפן ציהען אויפמערקזאמקייט איבער סעקסועלע אנגרייף און באעהרן איבערלעבער פאר זייער פעסטקייט און שטארקייט. מיר זענען אויך דאנקבאר פאר די OPDV פארן ווידערמאל צושטעלן די ווירדיגע טרענירונג פאר אונזערע לאקאלע סאָושעל סערוויסעס דיסטריקט שותפים אויף וועלכע מיר פארלאזן זיך צו צושטעלן איבערלעבער-צענטרירטע און קולטוריש-צוגעפאסטע סערוויסעס וואס רעכנען זיך מיט טראומע צו איבערלעבער פון סעקסועלע גוואלדטאטן."

**אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services) צייטווייליגע דירעקטאר און קאונסעל, דזשאן וואטסאן, האט געזאגט,** "מיר זענען פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז מענטשן וועלכע זענען געפאלן קורבנות צו א סעקסועלע אנגרייף קענען צוקומען צו סערוויסעס און שטיצע ווען זיי דארפן דאס, און מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו שטיצן איבערלעבער."

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער, ראָוזאנא ראָוסאַדאָו, האט געזאגט,** "די פארשפרייטקייט פון טעכנאלאגיע האט געטוישט יעדע געביט פון אונזערע לעבנס. איך לויב אויס די OPDV פארן ארבעטן צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די סכנות פון אנליין דעיטינג און פארברעכנס נוצנדיג טעכנאלאגיע און פארן באפולמעכטיגן ניו יארקער מיט אינפארמאציע צו מאכן קלוגע באשלוסן און בעסער פארזיכער זייער פערזענליכע זיכערהייט."

ניו יארק סטעיט'ס משפחה און סעקסועלע אביוז האטליין גיבט אומזיסטע און געהיימע שטיצע 24/7 און אקאמאדירט רוב שפראכן: 800-942-6906 (רופן), 844-997-2121 (טעקסט) אדער @ opdv.ny.gov (טשעט). מענטשן קענען אויך באזוכן www.ovs.ny.gov/connect צו טרעפן א קרבנות הילף פראגראם אין זייער קאמיוניטי. די אפיס פון קורבנות סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט אויך 239 קורבנות הילף פראגראמען אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו קריטישע סערוויסעס, ווי צום ביישפיל קריזיס קאונסעלינג, שטיצע גרופעס, קעיס מענעדזשמענט, עמערדזשענסי שעלטער, ציווילע לעגאלע הילף און הילף זיך צו אריבערציהען צו א נייע פלאץ – צווישן אנדערע סארטן הילף – פאר קורבנות און איבערלעבער פון משפחה אביוז, סעקסועלע אנגרייף און אנדערע פארברעכנס, ווי אויך פאר זייערע פאמיליעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן